ז.

# א י נ ג ע ט י י ל ט ז י ך.

היינט איז געוואָרען אַ מאָדע: „חברות“, „חדרים“, „שקאָלעס“, „סאַנאַטאָריע“. אַמאָל האָבען מיר דערפון גאָר נישט אָנגעהויבען צו וויסען.

געשטאָרבען איין אָרעמאַן און איבערגעלאָזט אַ טוץ קינדער יתומים — האָטש נעם וואַרף זיי אריין אין וואַסער אריין! מאָהלט אייך, עס רעדט זיך נאָר אַזוי; עס האָט זיך נאָך נישט געמאַכט, מע זאָל נעמען לעבעדיגע נפשות און וואַרפען זיי אין טייך אריין! עס רעדט זיך נאָר אַזוי...

אַזוי ווי היינט געדענק איך. כתריאל דער וואַסערפיהרער איז געשטאָרבען, און באַלד נאָך איהם איז געשטאָרבען זיין ווייב כתרי־ליבע, און ס'איז געבליבען פון זיי אַ היבש ביסעל קינדער, אָהן אַ טאַטען, אָהן אַ מאַמען, אָהן אַ ווינקעל, אָהן אַ שטיקעל ברויט — אַ גוואַלד, אַ גוואַלד, חושך איז געוואָרען אין שטאָדט, חושך צווישען די אָרעמע לייט.

— רוצחים! גזלנים! קוילערס! וואָס שווייגט מען? ווי לאָזט מען דאָס אַזוי פיעל נפשות אויסגעהן פון הונגער? פאַר וואָס טהוט מען עפּיס נים? וואו זענען די נגידים אונזערע? די גבירים?

די נגידים, די גבירים זענען געווען פערנומען מיט זייערע געשעפטען, און די אָרעמע לייט האָבען נים אויפגעהערט צו פּילדערען און צו ליאַרעמען, אַזוי לאַנג, ביז ס'איז געקומען אויף דער נאַכט, האָט מען געמאַכט ביי'ם רב איין אסיפה, און ס'איז געבליבען, מע זאָל זיך מיט די קינדער איינטיילען.

אָט דאָ איז ערשט געוואָרען דער רעכטער געפּילדער: בעלנים אויף אַזאַ גרויסער מצוה זענען געווען אַ סך, און קינדער — סך הכל זיעבען.



ז.

# צ ו ו י י נ ש מ ה ' ל ע ך.

— שוין פאַרטיג ביי דיר דאָרט אַלסדינג? נעם אָט די צוויי און טראָג זיי אַראָפּ אַהין, אויף דער ערד, און קום באַלד צוריק.

אַזוי האָט גאָט ברוך־הוא געזאָגט צום מלאך, אָנווייזענדיג איהם אויף צוויי זינדיגע נשמה'לעך.

און דער מלאך האָט גענומען די צוויי זינדיגע נשמה'לעך אונטער די פליגעל און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט זיי אויף דער ערד.

און די נאַכט האָט פערשפּרייט איהרע שוואַרצע פליגעל אויף דער ערד, און ס'איז געוועזען פינסטער.

און אַ קאַלטער ווינד, אַ שטאַרקער ווינד האָט געדרעהט און געבלאָזען דורך די פענסטער, דורך דער טיר, דורך די ווענד פון אַ קליין איינגעהויקערט שטיבעל. אינ'ם קליין איינגעהויקערט שטיבעל, אויף שטרוי געבעט, ליגט אויף דער ערד איין אויסגעטריקענט ווייבעל. דאָס ווייבעל ליגט און קאַטשעט זיך. זי קאַטשעט זיך — זי געהט צו קינד.

און אַ קאַלטער ווינד, אַ שטאַרקער ווינד האָט געדרעהט און געבלאָזען און האָט נים געקאָנט דורכבלאָזען די געמויערטע ווענד מיט די הויכע טירען און פענסטער פון אַ שען רייך הויז. אינ'ם שענעם רייכען הויז, ווייך געבעט, גוט געבעט, מיט אַטלעס און מיט זייד, ליגט אַ געזונדע, אַ שענע פרוי. די געזונדע שענע פרוי ליגט און קאַטשעט זיך. זי קאַטשעט זיך — זי געהט צו קינד.

און דער מלאך האָט אין דער גיך אַהער אַריינגעלאָזט די צוויי נשמה'לעך.

— געהט, קינדערלעך, — האָט ער צו זיי געזאָגט — געהט, ברידערלעך, קומט־אָפּ אַביסעל אויף דער וועלט!

און ס'איז אין דער דאָזיגער נאַכט געבאָרען צוויי יונגלעך: איינס אויף דער ערד, אויף שטרוי, — אויף הונגער, אויף דחקות.

אויף צרות — אַ פּיקערל, איין עסערל, איין איבעריגס אויף דער וועלט; און דאָס אַנדערע — אויף אַטלעס און אויף זייד, אויף פּרייד, אויף גוטס, אויף גליק, אויף לאַקעטקעס, אויף זאַבאַוועס, צו גענימען פון דער וועלט.

— היתכן? — האָט דער מלאך געפרעגט ביי'ם רבונו־של־עולם. — איז טאַקי רעכט אַזוי? דעם ג אַ ר, און דעם נ אַ ר־נ י ט? דעם שטרוי, און דעם אַטלעס? דעם לאַקעטקעס, און דעם דחקות?

— קוק־אַראָפּ און שווייג! — האָט איהם געענטפערט דער האַר־פון דער גאַנצער וועלט.

עס איז איבערגעלאָפען צוואַנציג יאָהר.

און די נאַכט האָט פערשפּרייט איהרע שוואַרצע פליגעל אויף דער ערד און ס'איז געוועזען פינסטער.

און אַ שטאַרקער ווינד, אַ קאַלטער ווינד האָט געדרעהט און געבלאָזען דורך די פענסטער, דורך דער טהיר, דורך די ווענד פון אַ קליין איינגעהויקערט שטיבעל. פון'ם קליין איינגעהויקערטע שטיבעל הערט זיך אַ קול, אַ וויינענדיג קול:

— רבונו של עולם! ליעבער גאָט! נעם־אָן מיין געבעט, הער־צו מיין געוויין; שיק מיר דעם טוידט, נעם מיך צו פון דער וועלט — איך קאָן זיך שוין מעהר דאָ ניט מוטשען!

— ניין, לעב נאָך, לעב נאָך, מוטשע זיך, — לעב לאַנג, לעב לאַנג, מיין קינד!...

און אַ שטאַרקער ווינד, אַ קאַלטער ווינד האָט געדרעהט און געבלאָזען און האָט ניט געקאָנט דורכבלאָזען די געמויערטע ווענד מיט די הויכע טהירען און פענסטער פון אַ שען רייך הויז. פון'ם שענעם רייכען הויז הערט זיך אַ קול, אַ וויינענדיג קול:

— רבונו של עולם! ליעבער גאָט! נעם־אָן מיין געבעט, הער־צו מיין געוויין; נעם־צו דעם מלאך־המות פון מיר. איך וויל לעבען. איין עבירה אַזאַ גוטס. איך וויל פון דער וועלט אַזוי יונג נישט געהן!



— ניין, שטאַרב, ניין, שטאַרב, געזעגען זיך, — גענוג שוין גע־הוליעט, מיין קינד!...

און אַ שטאַרקער ווינד, אַ קאַלטער ווינד האָט געדרעהט און געבלאָזען די נאַכט, און די זינדיגע נשמה אינ'ם גליקליכען הויז, פון דעם גביר דעם געזונדען, איז ניט ווילענדיג צוריק אויפ'ן הימעל אַרויף.

און אַ שטאַרקער ווינד, אַ קאַלטער ווינד האָט נאָך לאַנג דאָ געבלאָזען און געדרעהט, און די זינדיגע נשמה אינ'ם געפאַלענעם שטיבעלע האָט זיך ניט ווילענדיג ביי'ם קבצן ביי'ם קראַנקען גע־האַלטען נאָך לאַנג, נאָך לאַנג געהאַלטען!